בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ט"ז

פרשת שלח (בא"י קרח) תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

## • אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נֵייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פוּן חִינּוּךְ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס שׁוֹין אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב", וֶועל אִיךְ אִיבֶּער זָאגְן וָואס מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶערֶעדְט.

### אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם...

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' הָאט אַמָאל גֶעזֶען אִין אַ אָפִּיס פוּן אַ סְקוּל זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע צֶעטְל הֶענְגֶען אוֹיפְ'ן וַואנְט, עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן זִי זָאגְט מִיר אַלְץ: **"זָאג עֶס פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס בַּיי דִיר אִין מוֹסָד"**, דֶער צֶעטְל אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אִין עֶנְגְלִישׁ, אִיךְ וֶועל עֶס אִיבֶּער טַייטְשְׁן אִין אִידִישׁ, שְׁטֵייט אַזוֹי: **"אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וויסְן מִיט וָואס פַאר אַ קְלֵייד דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען; אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וויסְן וָואס פַאר אַ קַאר דוּ הָאסְט גֶעדְרֵייוְוט; אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וויסְן וָואס פַאר אַ הוֹיז דוּ הָאסְט גֶעהַאט, אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וויסְן מִיט וָואס פַאר אַ שְׁטִיוְול דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען; אֵיין זַאךְ וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם, וָואס דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט פַאר אַ אִידִישׁ קִינְדְ'ס לֶעבְּן, וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעגֶעבְּן פַאר אַ קִינְדְ'ס לֶעבְּן!"**

עֶס הָאט מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאנוּמֶען, וַוייל אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען, וֶוער גֶעדֶענְקְט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק? וֶוער גֶעדֶענְקְט דִי הַייזֶער פוּן הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק? מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, מֶען וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַוֶועק פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק. וָואס גֶעדֶענְקְט מֶען יָא? מֶען גֶעדֶענְקְט מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זֵיי אַ מוּט, אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זֵיי אַ גֶעפִיל, זֵיי גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן גוּט; אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין וָואס הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אַ קִינְד, גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד.

### אַ גוּטֶע גְרוּס אוֹיף אַ מְלַמֵּד

אַ טַאטֶע פוּן אַ קִינְד דֶערְצֵיילְט מִיר פְּרִיעֶר, "מַיין קִינְד קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז לֶעצְטְנְס שְׁמוּעֶסְט עֶר מִיט זַיין מְלַמֵּד בַּיי רִיסֶעס אוּן בַּיי לָאנְטְשׁ, דֶער מְלַמֵּד פְּרֶעגְט אִים אוֹיס פוּן זַיין פִּידְל וָואס זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט, (אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶר קֶען שְׁפִּילְן דֶערוֹיף, קֶען זַיין אַז עֶר רַייבְּט בְּלוֹיז דֶערוֹיף...) פוּן זַיין טְרָאק אוּן פוּן זַיין קַארֶעלֶע, אוּן מַיין קִינְד זָאגְט מִיר: 'אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מַיין רֶבִּי, מַיין רֶבִּי רֶעדְט צוּ מִיר פוּן מַיינֶע זַאכְן'".

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַזַא גוּטֶע גְרוּס אוֹיף אַ מְלַמֵּד.

### עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט קֵיין כַאפְּצֶעם

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן, דִי מַעֲשֶׂה אִיז פוּן מִיר... נֶעכְטְן קוּמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אַהֵיים אוּן דֶערְצֵיילְן מִיר אַז עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען עֶפֶּעס אַ גְנֵיבָה אִין מָאנְהֶעטְן, דִי גַּנָבִים זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעפְלוֹיגְן בִּיז ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן דִי גַּנָבִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעקְרַאכְט בַּיי דִי גַאס וָואס אִיז נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן קַאר, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַנְטְלוֹיפְן מִיט בִּיקְסְן אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז אַרַיין גֶעלָאפְן אִין אַ הוֹיז קֶעגְן אִיבֶּער דִי יְשִׁיבָה זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, פּוּנְקְט הָאט אַ פְרוֹי גֶעעֶפְנְט דִי טִיר אוּן זִי הָאט זִיךְ מוֹרָא'דִיג דֶערְשְׁרָאקְן זֶעעֶנְדִיג פַאר זִיךְ אַ גוֹי מִיט אַ בִּיקְס אִין דִי הַאנְט, מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט פִּינְקְטְלִיךְ וִויפִיל בִּיקְסְן מֶען הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אוּן אַז עֶס פֶעלְט נָאךְ אֵיין בִּיקְס...

אַלְס קִינְד הָאט עֶס מִיר נָאךְ אִינְטֶערֶעסִירְט, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט לֶעבְּן פוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ כַאפְּצֶעם, פוּן הַצָּלָה קָאלְס, בְּלִינְקֶעדִיגֶע לֶעקְטֶערְס, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם מִיט וֶועם אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטְרָאפְן, הַיינְט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר שׁוֹין נִישְׁט דִי סָארְט זַאכְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: **"דוּ קֶענְסְט זַיין שְׁטִיל?! מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט הַיינְט קֵיין שׁוֹמְרִים מַעֲשִׂיוֹת, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט קֵיין כַאפְּצֶעם, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת"**, וֶועט עֶר מוּזְן טְרֶעפְן אֵיינֶעם אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אֵיינֶער וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן בַּיים דַאוֶונֶען, וָואס וֶועט אִים אוֹיסְהֶערְן, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר שׁוֹין וֶועלְן זַיין וִוי יֶענֶעם.

### וֶוער וֵוייסְט וֶועם עֶר וֶועט טְרֶעפְן?

וֶוען קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע זַאכְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד אוֹיסְצוּהֶערְן, אָדֶער דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין ווַארְטְן שׁוֹין קוּים עֶס זָאל וֶוערְן לָאנְטְשׁ, 'אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מַיין לִימוּד, אִיךְ לוֹיף אַרוֹיס פוּן דָא, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ', וֶועט דָאס קִינְד מוּזְן זוּכְן אַנְדֶערֶע וָואס זָאלְן אִים אוֹיסְהֶערְן, וֶוער וֵוייסְט וֶועם עֶר וֶועט טְרֶעפְן? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

### מֶען פַארְדִינְט צְוֵויי ווִיכְטִיגֶע זַאכְן

אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הֶערְט אוֹיס, דִי לֶערֶערִין הֶערְט אוֹיס, טַאטֶע מַאמֶע הֶערְן אוֹיס, דֶער בָּאס מְלַמֵּד אוּן בָּאס לֶערֶערִין הֶערְן אוֹיס, דָאס קִינְד הָאט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן זַיינֶע זַאכְן, פַארְדִינְט מֶען צְוֵויי ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אֵיינְס, אַסַאךְ מָאל הֶערְט מֶען בִּשְׁעַתְ'ן דֶערְצֵיילְן דִי נֵייעֶס עֶפֶּעס אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ, קֶען מֶען עֶס אִיבֶּער גֶעבְּן פַארְ'ן מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין, אָדֶער פַארְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, אַז זֵיי זָאלְן רֶעדְן דֶערְפוּן בַּיים קוּמֶענְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אִינְמִיטְן אַ דְרָשָׁה, אַז אַזוֹי טוּט מֶען נִישְׁט, אַזוֹי רֶעדְט מֶען נִישְׁט, אוּן דָארְט קוּקְט מֶען נִישְׁט.

צְוֵוייטְנְס, וֶוען אַ קִינְד זֶעט אַז דוּ הֶערְסְט אִים אוֹיס, וֶועט עֶר דִיךְ אוֹיסְהֶערְן.

### מֶען מוּז זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן

אַ לֶערֶערִין מוּז זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן אוֹיף אִירֶע תַּלְמִידוֹת; אַז מֶען זֶעט אַ תַּלְמִידָה קוּמְט אָן אָנְגֶעטוּן אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט נָארְמַאל, פְּרֶעגְט מֶען אִיר: **"אַלֶעס אִיז פֵיין?" "אַלֶעס אִיז וואוֹיל?"** אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד אִיז פַארְמַאכְט, זִי רֶעדְט

<<<

# שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

## • אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ

>> דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

נִישְׁט הַיינְט, פְּרֶעגְט מֶען אִיר: **"עֶפֶּעס בַּאדֶערְט דִיךְ?"** אַז זִי עֶנְטְפֶערְט: "נֵיין", פְּרֶעגְט מֶען אִיר: **"אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ עֶס זָאגְן פַאר אַ צְוֵויטְן?"** אַז זִי עֶנְטְפֶערְט וַוייטֶער: "נֵיין!" קֶען מֶען וַוארְטְן אַ טָאג, אֶפְשָׁר אִיז דָאס נָאר אַ קְלֵיינִיקֵייט וָואס בַּאדֶערְט.

אַ קִינְד דַארְף זֶען אַז אֵיינֶער אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, אֵיינֶער טְרַאכְט פוּן מִיר, אֵיינֶער זָארְגְט פַאר מִיר, אֵיינֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס.

אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד וֵויינֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, אִין דִי הָאלְוֶועי, [- אִין אִידִישׁ הֵייסְט עֶס אַ 'קָארִידָאר'; הַיינְט מוּז אִיךְ אִיבֶּער טַייטְשְׁן אַלֶע עֶנְגְלִישֶׁע וֶוערְטֶער אִין אִידִישׁ, וַוייל מִיר הָאבְּן שׁוֹין הַיינְט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ בֵּית פֵיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין עֶנְגְלִישׁ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מוֹסְדוֹת אִין אַלֶע שְׁטֶעט], גֶעוֶוענְלִיךְ טְרַאכְט דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין: 'דָאס אִיז מַיין כִּתָּה, דָאס זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער, פַאר זֵיי זָארְג אִיךְ, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער', אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד וֵויינֶען, אָדֶער אַ קִינְד שְׁלָאגְט אֵיינֶעם, אַ קִינְד פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵויטְן, דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן פְרֶעגְן: **"וָואס גֵייט פָאר? מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן"**, אוּן אַז דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן שְׁרֵייעֶן: **"עֶר הָאט מִיר אַזוֹי גֶעטוּן"**, אוּן **"עֶר הָאט מִיר אַהִין גֶעטוּן"**, דַארְף מֶען זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן, מֶען זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: **"לָאמִיר זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן, לָאמִיר גֵיין צוּ דַיין מְלַמֵּד"**, **"לָאמִיר גֵיין צוּ דַיין לֶערֶערִין"**, **"דַארְפְסְט נִישְׁט וֵויינֶען, אִיךְ וֶועל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר"**.

וֶוען אַ מְלַמֵּד קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען אִים אַקֶעגְן דֶערְצֵיילְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קַאר, אָדֶער דִי לֶערֶערִין קוּמֶען אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן דִי תַּלְמִידוֹת רֶעדְן פוּן אַ נֵייעֶ פַּאקֶעט בּוּק אוּן אַ נֵייעֶ בֶּערְזְל, דַארְף מֶען אוֹיסְהֶערְן גֶעמִיטְלֶעךְ, אֲפִילוּ בֶּאֱמֶת אִינְטֶערֶעסִירְט עֶס מִיךְ נִישְׁט.

### שֶׁעוִוי, הָאנְדַא פֵּייְלֶעט, הָאנְדַא אַדֶעסִי, לִינְקְלֶען

וֶוען אִיךְ גֵיי שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, ווילְן זֵיי נָאר זֶען יֶעדֶע נָאמֶען פוּן יֶעדֶע קַאר, זֵיי הָאבְּן אַזַא שְׁפִּיל, וֶוער עֶס קֶען צוּטְרֶעפְן פוּן דֶערְוַוייטְנְס אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע קַאר וֶועלְכֶע סָארְט קַאר עֶס אִיז, אִיךְ וֵויס אֲפִילוּ נִישְׁט וואוּ עֶס שְׁטֵייט דֶער נָאמֶען, אִיךְ הָאף אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בַּטְלָן... אָבֶּער אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וִויל זֵיי וַוייזְן דִי הִימְל, דִי וָואלְקֶענֶעס, דִי פֵייגְלֶעךְ, דִי בֵּיימֶער, נָאר אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט טוּן נַארִישֶׁ'ערְהֵייט, אִיךְ וִויל זֵיי נִישְׁט פַארְלִירְן. אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט מַיין טַאטֶע, אוֹיסֶער אֵיין מָאל אַ וָואךְ, שַׁבָּת אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶעמָאלְט הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט תּוֹרוֹת אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן נָאכְמָאל אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק, גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם..."**

אִיךְ זוּךְ יָא עֶס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, זָאג אִיךְ זֵיי: **"דִי זֶעסְט דִי פֵייגֶעלֶע? דִי קָאפּ פוּן דִי פֵייגֶעלֶע אִיז אַזוֹי וִוי אַ יוּ"ד, דִי גַאנְצֶע בּוֹיךְ פוּן דִי פֵייגֶעלֶע אִיז אַזוֹי וִוי אַ וָא"ו, אוּן דִי צְוֵויי פְלִיגְלֶען זֶענֶען אַזוֹי וִוי צְוֵויי מָאל הֵ"א, צוּזַאמֶען אִיז עֶס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען הֲוָיָ"ה"**, אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ. רוּפְן זִיךְ מַיינֶע קִינְדֶער אָן: **"קוּק טַאטִי, דָאס אִיז אַ שֶׁעוִוי, אַ הָאנְדַא פֵּייְלֶעט, אַ הָאנְדַא אַדֶעסִי, אַ לִינְקְלֶען"**, זָאג אִיךְ: **"טַאקֶע?! בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט עֶס הָאבְּן!"** מֶען מוּז זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן אִין דִי קִינְדֶערִישֶׁע זַאכְן.

### דִי שֵׁיינֶע נֶעפְּקִין...

בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז דָא אַ שְׁפִּיל אַז מֶען טוּישְׁט נֶעפְּקִינְס (מִיט וָואס מֶען ווִישְׁט זִיךְ אָפּ דִי נָאז) אֵיינֶע מִיטְ'ן צְוֵויטְן, אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעזָאגְט פַאר מַיין טָאכְטֶער: **"נֶעם אַלֶע נֶעפְּקִינְס, לֵייג עֶס אַרַיין אִין גַארְבִּיטְשׁ אוּן גֵיי אַרַיין אִין בֶּעט!"** אָבֶּער אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דָאס טוּן וֶועט זִי דַארְפְן גֵיין זוּכְן אַ צְוֵויטְן פַאר וֶועמֶען עֶס צוּ וַוייזְן, זָאג אִיךְ אִיר: **"לָאמִיר זֶען וֶועלְכֶע אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע? דָאס הָאסְטוּ דִי מֶערְסְטֶע לִיבּ, טוּישׁ אַיין דִי אַנְדֶערֶע נֶעפְּקִינְס פַאר דִי שֵׁיינֶע נֶעפְּקִין"**... אִיךְ מוּז זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ אִיךְ בִּין אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם, אוּן מַיין טָאכְטֶער קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן וֶוען טַאטִי קוּמְט שׁוֹין אַהֵיים, זִי גֵייט מִיר דֶערְצֵיילְן אִיר וֶועלְט.

בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אִיז דָא דִי שְׁפִּיל פוּן 'בִּיזְנֶעס קַארְדְס', בַּיי זֵיי אִיז אַ גַאנְצֶע שִׂמְחָה וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אִין אֵיין טָאג דְרֵיי הַצָּלָה'ס פְלִיעֶן מִיט לֶעקְטֶערְס אוּן סֵייִרִינְס... הֶער אִיךְ זֵיי אוֹיס מִיט אִינְטֶערֶעסֶע, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי מִיר נָאכְדֶעם אוֹיסְהֶערְן.

### עֶס אִיז 'מַיין' קִינְד

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז אַ לֶערֶערִין לֶערְנְט פָאר דֶעם לִימוּד, וִוי פִּרְקֵי אָבוֹת, רֶעכֶענֶען, שְׁרַייבְּן, עֶס דַארְף מִיר אוֹיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זֵיי וָואלְטְן גֶעוֶוען מַיינֶע קִינְדֶער. וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): **"כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ"**, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין חַבֶר'ס קִינְד וֶוערְט עֶס כְּאִילוּ עֶר הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם קִינְד. סְתַּם אַזוֹי לֶערְנְט מֶען עֶס אָפּ אַלְס גוּט וָוארְט, שְׁפִּיר זִיךְ גוּט, דוּ בִּיסְט זַיין הַאלְבֶּע טַאטֶע, וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מֶען דִיךְ אוֹיךְ רוּפְן צוּ דִי חֲתוּנָה וַוייל דוּ בִּיסְט אַ שְׁטִיקְל שׁוּתָּף אִינֶעם חָתָן. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: דָאס אִיז אַן הִתְחַיְּבוּת; מֶען זָאגְט פַארְ'ן מְלַמֵּד: **"גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף יֶענֶעמְס קִינְד אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט וֶוען אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דַיין קִינְד; וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִיט אַ תַּלְמִיד טְרַאכְט: 'כְּאִילוּ יְלָדוֹ'"**.

וֶוען 'מַיין' קִינְד וָואלְט גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט אִין שׁוּלֶע, וֶוען 'מַיין' קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט אִינְדֶערְהֵיים, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט יֶעצְט גֶעטְרַאכְט פוּן דִי תַּקָּנוֹת פוּן שׁוּלֶע, אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן מֶען דַארְף עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט... אִיךְ וָואלְט אִיר פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי הָאט גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה, אָדֶער עֶפֶּעס הָאט נֶעכְטְן פַּאסִירְט אִינְדֶערְהֵיים, אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן אוּן זִי אִיז עֶרְשְׁט אַיינְגֶעשְׁלָאפְן פִינְף אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס; אִיךְ וָואלְט אִיר פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי אִיז גֶעלָאפְן אִין סְקוּל דִי לֶעצְטֶע מִינוּט מִיט דִי לֶעצְטֶער אָטֶעם, אוּן זִי הָאט פַארְגֶעסְן צוּ עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ וָואלְט אִיר גֶעזָאגְט: **"גֵיי אַרוֹיס פוּן קְלַאס, שְׁמִיר אָן אַ בְּרוֹיט, עֶס אוֹיף אוּן קוּם צוּרִיק אַרַיין"**, דִי זֶעלְבֶּע וֶועל אִיךְ טוּן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידוֹת וָואס זֶענֶען אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער.

וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אַז דָאס קִינְד וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן קְלַאס פַארְפַּאסְן צֶען מִינוּט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג? אֵיין זַאךְ; זִי וֶועט זֶען אַז זִי הָאט אַ לֶערֶערִין וָואס זָארְגְט פַאר אִיר וִוי אַן אֵייגְן קִינְד.

**פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.**

# חִיזּוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מוֹרָא פוּן דִי אֵייגֶענֶע שָׁאטְן

אִיךְ גֶעבּ יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר פַאר דִי בָּחוּרִים אִין גְמָרָא, (דֶער שִׁיעוּר רֶעקָארְדִירְט מֶען נִישְׁט, עֶס אִיז בְּלוֹיז פַאר דִי בָּחוּרִים), בִּשְׁעַתְ'ן פָארְלֶערְנֶען אִיז מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי 'זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט', נָאכְמֶער וִוי דִי גַאנְצֶע גְמָרָא. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, עֶר קֶען נִישְׁט לֶעבְּן, עֶר קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן אַ דְזְשַׁאבּ, עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט קַאמְפְּלֶעקְס, קַאמְפְּלֶעקְס, קַאמְפְּלֶעקְס... עֶר רֶעדְט נִישְׁט מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר קוּמְט נִישְׁט אוּן גֵייט נִישְׁט, עֶר מֵיינְט אַז יֶעדֶער קוּקְט אוּן טְרַאכְט פוּן אִים, עֶר בּוֹיט בִּנְיָנִים אִין מֹחַ אוּן מַאכְט אוֹיף מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הֵייבְּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָן.

מֶען קֶען זֶען מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרַיין צוּ אַ שִׂמְחָה גֵייעֶן זֵיי בַּיי דִי זַייט נֶעבְּן דִי וַואנְט, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען גְרָאד אִינְמִיטְן דֶעם זַאל, דָאס

## • זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אִין קִינְדֶער

קוּמְט וַוייל עֶס פֶעלְט זִיכֶערְקֵייט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט מַחְשָׁבוֹת: **'מֶען דַארְף מִיךְ יָא, מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט, מֶען קוּקְט יָא אוֹיף מִיךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִיךְ'**. עֶס אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן לִיבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַ הָאדִי (hoodie jecket), כְּדֵי זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאהַאלְטְן אִינֶעם דְזְשֶׁעקֶעט, מִיט דֶעם שְׁפִּירְן זֵיי זִיךְ זִיכֶער וַוייל קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט זֶען...

דֶערְפַאר וֶוען אִיךְ לֶערְן פָאר פְרֶעג אִיךְ אַלְץ דִי בָּחוּרִים: **"וֶוער קֶען טְרַאכְטְן פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא?"** וַוייל

<<

# הִיזוּק פַּאר מְלַמְּדִים

ארויסגעגעבן פון 'דף שיעור' פון ראש ישיבה שליט"א

**הערליכע דיבורים וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט צו די מלמדים נאכ'ן פארלערנען דעם בלאט גמרא.**

## דו וועסט ווערן געבענטשט

אין די היינטיגע גמרא האבן מיר מורא'דיגע התחזקות פאר מלמדים וואס לערנען תורה מיט קינדער, און מגידי שיעור וואס לערנען תורה מיט בחורים. די הייליגע חכמים זאגן (סנהדרין צב.): **"ואם למדו מה שכרו? אמר רבא אמר רב ששת: זוכה לברכות כיוסף, שנאמר** (משלי יא, כו) **וברכה לראש משביר, ואין משביר אלא יוסף שנאמר** (בראשית מב, ו) **ויוסף הוא השליט על הארץ הוא המשביר לכל עם הארץ"**, אז דו לערנסט תורה מיט אידישע קינדער זאלסטו וויסן אז דו וועסט ווערן געבענטשט אזוי ווי יוסף הצדיק.

דאס איז מורא'דיגע התחזקות פאר אלע מלמדים. נישט קיין חילוק וואס מען לערנט מיט די קינדער, גמרא, אל"ף בי"ת, און אפילו די גאר יונגע וואס מען זינגט מיט זיי בלויז די ברכות פון ציצית.

## לערנען ענגליש

**דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר'ן מלמד וואס לערנט מיט די קינדער 'ענגליש': לערן נישט קיין ענגליש, עס איז א שאד דאס צו לערנען, עס איז הבל הבלים! לערן מיט זיי רעכענען; מען דארף קענען רעכענען, דאס איז אויך תורה.**

איך געדענק נאך ווי מיין ענגליש טיטשער פלעגט זאגן: **"אז דו וועסט נישט לערנען רעכענען - וועסטו נישט קענען לערנען קיין גמרא!"**

צוויי יאר בין איך געווען ביי ענגליש, נאכדעם האט מיין טאטע שליט"א געזען אז איך מאך צופיל פראבלעמען אין קלאס, האט ער מיר ארויסגענומען פון ענגליש און געשיקט ביינאכט צו א מתמידים וואו מען לערנט משניות. שפעטער ווען איך בין געווען א מלמד האב איך איין יאר פארגעלערנט מסכת סוכה, ווען איך האב געהאלטן ביי דף ח. וואס איז א גמרא פול מיט חשבונות, האב איך עס נישט געקענט פארלערנען ווייל איך האב נישט געקענט רעכענען. איך האב געדארפט זיצן גאנצע נעכט מיט מיין ווייב תחי' זי זאל מיר אויסלערנען ווי אזוי מען רעכנט עס, איך האב איר געזאגט אויף אידיש די חשבונות וואס עס שטייט אין רש"י און תוספות, און זי האט מיר עס מסביר געווען. דערפאר אז דו וועסט לערנען מיט די קינדער רעכענען וועלן זיי קענען לערנען גמרא; אז נישט - וועלן זיי זיין עמי הארצים.

## אויסניצן ענגליש פאר גוטע זאכן

איך האב געזאגט פאר די ענגליש לערערינס פון סקול, רעדט צו די תלמידות אידיש! אן ענגליש לערערין מוז נישט זאגן פאר אירע תלמידות ווען זי קומט אריין אין קלאס: ...good afternoon ווען עס קומט די צייט פון 'ענגליש' ווערט מען נישט קיין גוי, מען לייגט נישט אוועק דעם אייבערשטן.

ביי אונז אין סקול ניצט מען זייער גוט אויס די צייט פון ענגליש, די אידישע לערערין קומט נישט אן צו זאגן דעם יום תהלים מיט די קינדער, זאגט די ענגליש לערערין מיט זיי דעם 'יום תהלים', אויך לערנט מען דעמאלט 'הלכות שבת'.

דאס איז הפלא ופלא! מיין טאכטער, א צען יעריג קינד קומט אהיים און קען הלכות שבת אזוי ווי איך קען עס היינט נאכ'ן לערנען אפאר יאר אין כולל, די לערערין קויפט א טאפ מיט א רעזשאו, מען שטעקט אין דעם רעזשאו און מען לייגט אריין וואסער אינעם טאפ, און מען ווייזט זיי קלאר וואס מיינט א

## אַלע מְלַמְּדִים וועלן זיצן אין גן עדן

'כלי ראשון', א 'כלי שני', אן 'ערוי', ממש א מחיה, די קינדער לערנען זיך אויס די הלכות זייער קלאר.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו א מלמד: **"דו ביזט אויך א מלמד, זאלסטו וויסן אז דו וועסט זוכה זיין צו אלע ברכות פון יוסף הצדיק".**

## א בטלן?!

ביי די וועלט איז א מלמד א בטלן, און נישט נאר ביי די וועלט, נאר די מלמדים אליינס האלטן זיך פאר בטלנים. איך האב באקומען א בריוו פון א מלמד, דער מלמד שרייבט מיר אז ער איז א מלמד אין כתה ט' אין א מוסד אין בארא פארק, (איך וויל נישט זאגן דעם נאמען פונעם מוסד), שרייבט ער מיר: **"איך הער די דרשות, איך פרוביר אריינצולייגן אין די קינדער אלע גוטע זאכן, מיינע תלמידים זענען וואויל, אבער ווען מען וואלט זיי געגעבן די בחירה אויב זיי ווילן זיין אידן אדער גוים, וואלטן אלע אנטלאפן... קיינער וויל נישט זיין קיין איד, יעדע זאך איז ביי זיי פרעשור, 'יאו עס קומט שבת', 'יאו עס קומט יום טוב'",** ער בעט זיך: **"שרייבט מיר עפעס התחזקות, וואס טוט מען מיט כתה ט' בחורים וואס קיינער וויל נישט זיין א איד?"**

דער תירוץ איז, אויב די מלמדים קוקן זיך אן ווי בטלנים, ער קומט פשוט אריין ווייל ער דארף דעקן זיין רענט, און אלעס איז מהיכי תיתי; ער ציפט די קינדער, ער שלאגט די קינדער, ער שרייט אויף די קינדער, ער לייגט נישט אריין אין די קינדער א ליבשאפט צו די תורה, ער לייגט נישט אריין אין די קינדער א ליבשאפט צום אייבערשטן, ער דערציילט זיי נישט מעשיות פון צדיקים, דעמאלט וואקסן אויף קינדער וואס זענען נישט נייגעריג אין אידישקייט השם ישמרינו.

## אלע מלמדים וועלן זיצן אין גן עדן

נאך זאגן די הייליגע חכמים (שם): **"אמר רב ששת: כל המלמד תורה בעולם הזה זוכה ומלמדה לעולם הבא"**, אלע מלמדים וועלן זיצן אין גן עדן און האבן תלמידים אין גן עדן, **"שנאמר** (משלי יא, כה): **ומרוה גם הוא יורא"**, זאגט רש"י: **"מי שמרוה את תלמידו בדבר הלכה גם הוא יורה לעולם הבא"**, ווער עס טרינקט אן זיינע תלמידים אויף די וועלט וועט זוכה זיין זיי אנצוטרינקען אויף יענע וועלט.

## לערנען הלכות מיט תלמידים

רש"י זאגט דעם לשון: **"שמרוה את תלמידו בדבר הלכה"**, ער לערנט מיט זיינע תלמידים הלכות. א מלמד דארף וויסן וואס ער לייגט אריין אין א קינד דאס בלייבט, צום ביישפיל, אז מען לייגט אריין אין קינדער זיך צו וואשן די הענט ווען מען קומט ארויס פון בית הכסא – וועט ער דאס געדענקען א גאנץ לעבן.

אויך דארף מען אויסלערנען די קינדער אז מען דארף זיך וואשן די הענט איידער מען דאווענט, דאס איז אן אפענע הלכה אין שלחן ערוך (אורח חיים סימן צב, סעיף ד). איך זע אין בית המדרש טאטע'ס וואס זענען שוין זיידעס, און זיי וואשן זיך נישט די הענט פאר'ן דאווענען. איינער פון אנשי שלומינו האט מיר אפילו געזאגט אז ער האט געמיינט אז זיך וואשן די הענט פאר'ן דאווענען איז סתם עפעס א פרומע זאך, ווען ער האט געלערנט אין ישיבה האט ער געזען ווי נאר די פרומע בחורים וואשן זיך די הענט.

אויב מען לייגט עס נישט אריין אין די חינוך יונגערהייט טוט מען עס נישט.

## חינוך אפטיילונג

אויף קול ברסלב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
**- שמעו ותחי נפשכם -**

## ביון פון חינוך

המשך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

מיין פנים, אזוי האב איך זוכה געווען צו קינדער וואס דאווענען און לערנען".

דאס שרייב איך דיר אז דו זאלסט ווייניגן יעדן טאג צום אייבערשטן - דו מיט דיין ווייב - אז איר זאלט זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, דורכדעם וועסטו האבן נחת פון זיי, און עס וועט מקוים ווערן ביי דיר (תהלים קכח, ג): "בניך כשתלי זיתים סביב לשלחנך", אמן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ב, מכתב צו)

# בְּרִיוֹון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## שִׁיקְן אִינְגֶלֶעךְ נָאךְ חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען מוּזִיק?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי גְרוֹיסֶע אִינְגֶלֶעךְ וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַלְץ וָואס צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר. הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט זֵיי צוּ שִׁיקְן צוּ אַ הֵיימִישֶׁע קוּרס פַאר קִינְדֶער זִיךְ צוּ לֶערְנֶען שְׁפִּילְן אוֹיף אַ קִיבָּארְד אִין אַ גִיטַאר. אִיז עֶס אַ גוּטֶע זַאךְ?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קִינְדֶער, וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר, זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט, זֵיי הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיפְ'ן קָאפּ נָאךְ לִימוּדִים; זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זוּכְן דִי עֶלְטֶערְן דָאס צוּ טוּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער - נִישְׁט אַזוֹי וַוייט וַוייל זֵיי וִוילְן דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, נָאר מֶען זוּכְט וִוי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי קִינְדֶער פַאר נָאךְ אַ שָׁעָה. קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, אוּן קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן צַייט צוּ שְׁפִּילְן אוּן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן; קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען וָואס דַארְפְן אַרוֹיסְגֶעבְּן סְחוֹרָה פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אַ קִינְד שְׁפִּילְן מוּזִיק וְכוּ', אָבֶּער דָאס וֶוענְדְט זִיךְ שׁוֹין אִינֶעם קִינְד, יֶעדֶע קִינְד אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֵיינֶען מַעֲשִׂיּוֹת, זֵיי קֶענֶען זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת אוּן לֵיינֶען מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֵיינֶען וְכוּ', זֵיי הָאבְּן מֶער הֲנָאָה פוּן אַרוּם טַאנְצְן אוּן אַרוּם לוֹיפְן - דָאס וָואס עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ וְכוּ'; וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי זֵייעֶר קִינְד לֶעבְּט, שְׁפְּרִינְגְט אוּן טַאנְצְט, וֶוערְן זֵיי נֶערְוֶועז, מֶען טְרַאכְט אַז עֶס פֶעלְט פַאר'ן קִינְד וָואס צוּ טוּן אוּן מֶען שִׁיקְט אִים צוּ אַ נַאכְט כּוֹלֵל, אָדֶער צוּ טִיטְשֶׁערְס לֶערְנֶען וְכוּ', אָדֶער שְׁלֶעפְּט מֶען אִים אַיין מִיט מֶעדֶעצִין - מֶען מַאכְט אִים פַאר אַ קֶעיס אוּן עֶר וֶוערְט אַ גַאנְצֶע רַחְמָנוּת, אַבִּי דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן אַרוּם זִיךְ אַ לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְד, וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דֶער קִינְד גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט, עֶר וִוייל שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, אַזוֹי וִוי אַ גֶעזוּנְט קִינְד וְכוּ'.

נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס פַארְלַאנְגֶען דָאס; זֵיי וִוילְן זִיךְ לֶערְנֶען מוּזִיק, שְׁרַייבְּן, מָאלְן, אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם זֵיי דָאס אוֹיס צוּ לֶערְנֶען. (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף וִויסְן וֶוער דֶער טִיטְשֶׁער אִיז, צִי עֶר לֶערְנְט נָאר אוֹיס שְׁפִּילְן, אָדֶער עֶר לֵייגְט אוֹיךְ אַרַיין זַיין הַשְׁקָפָה אִין דִי קִינְדֶער, וָואס דָאס קֶען זַיין זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ).

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט אַמָאל גֶעבֶּעטְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועז צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, גוּטֶע קִינְדֶער רַייסְט מֶען אַרָאפּ פוּנֶעם בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט אוּן מִיט מַיינֶע טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעוִוישְׁט

<<<



פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

>>>

● זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אִין קִינְדֶער

אִיךְ וִויל זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְרוּפְן, זֶענֶען דָא גֶעזוּנְטֶע בָּחוּרִים וָואס עֶנְטְפֶערְן אֵייבִּיג וָואס זֵיי טְרַאכְטְן, עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי קֶענֶען לֶערְנֶען, צוּמָאל זָאגְן זֵיי סְתַּם שְׁטוּתִים, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס זִיצְן שְׁטִיל אוּן רֶעדְן גָארְנִישְׁט אַרַיין, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא פוּן דִי אֵייגֶענֶע שָׁאטְן.

### אִיךְ קֶען נִישְׁט!

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ בָּחוּר, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס צוּ זַיין אַ פֶעסְטֶער בָּחוּר, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, אִיךְ פְרֶעג אִים: **"וואוּ דַאוֶוענְסְטוּ שַׁבָּת?"** זָאגְט עֶר מִיר אִין וֶועלְכֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זָאג אִיךְ אִים: **"אָה, יֶענֶער אִיז דָאךְ דָארְט דֶער רָב, זָאג אִים אַז אִיךְ שִׁיק אִים אַ גְרוּס"**, אוּן אִיךְ זֶע גְלַייךְ מִיט וֶועם אִיךְ רֶעד, עֶר קֶען מִיר נִישְׁט קוּקְן אִין פָּנִים, עֶר קוּקְט אַ גַאנְצְן צַייט אַוֶועק פוּן מִיר, דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַן אוּמְזִיכֶערֶער מֶענְטְשׁ, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"דוּ גֵייסְט אִים זָאגְן דֶעם גְרוּס?"** זָאגְט עֶר: "נֵיין", פְרֶעג אִיךְ אִים: **"דוּ גְרִיסְט דֶעם רָב יֶעדֶע וָואךְ 'גוּט שַׁבָּת'?"** זָאגְט עֶר: **"נֵיין; בַּיים סוֹף 'עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ' לוֹיף אִיךְ אַרוֹיס פוּן שׁוּל"**, זָאג אִיךְ אִים: **"פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט צוּ נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אִים גְרִיסְן? דֶער רָב לֵייגְט דִי טִישְׁטוּכֶער, עֶר וַואשְׁט דִי הַאנְטוּכֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ גֵיין זָאגְן גוּט שַׁבָּת, אוּן בַּאדַאנְקֶען אַז דִי דַאוֶוענֶען אִיז זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען"**, זָאגְט עֶר: **"נֶע, אִיךְ לוֹיף אַרוֹיס גְלַייךְ וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען"**, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן: **"אִיךְ בֶּעט דִיר, זָאג אִים אַז אִיךְ שִׁיק אִים אַ גְרוּס"**, זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט!"**

### פוּן וָואס קוּמְט עֶס?

דֶער בָּחוּר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער בָּחוּר, אַז מֶען קוּקְט אִים אָן פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען נָאךְ מֵיינֶען אַז עֶר אִיז אַ שֵׁגֶץ, וַוייל עֶר גֵייט מִיט אַ הָאדִי... אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז נֶעבֶּעךְ גָארְנִישְׁט דָא אִין אִים, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט, עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין זָאגְן **"גוּט שַׁבָּת"**, עֶר קֶען נִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּן אַ גְרוּס פַאר אֵיינֶעם.

פוּן וָואס קוּמְט עֶס? אֵיינֶער הָאט אִים גוּט צֶעקְלַאפְּט. עֶס קֶען זַיין אַ חַבֶר. אָבֶּער עֶס קֶען אוֹיךְ זַיין אַז עֶס קוּמְט פוּן אַ רֶבִּי אָדֶער פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער פוּן זַיין מַאמֶע, אָדֶער פוּן אַלֶע דְרֵיי צוּזַאמֶען – וָואס הָאבְּן אִים צֶעקְלַאפְּט.

### אַ קִינְד קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן

עֶלְטֶערְן דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען אַ קִינְד זָאגְט עֶפֶּעס, עֶס נִישְׁט אַוֶועק צוּ מַאכְן: **"דוּ רֶעדְסְט שְׁטוּתִים", "וָואס הָאסְטוּ יֶעצְט גֶעזָאגְט, פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ נִישְׁט וָואס דוּ רֶעדְסְט?!"** עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד, אַ קִינְד קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן, לָאז אִים זָאגְן וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט אוּן פַארְרֶעכְט אִים.

### אַ לֶעבֶּעדִיגֶע כֵּלִי

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ. עֶס קוּמֶען אַרַיין קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל וָואס אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן מִיט זֵיי, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי דוּ גִיסְט אַרַיין וַואסֶער, סָאדֶע, פָּאנְטְשׁ אִין אַ לֶעבֶּעדִיגֶע כֵּלִי, אַלֶעס גִיסְט זִיךְ אוֹיס; דִי קָאפּ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ קָאפּ וָואס מֶען טְרִינְקְט דֶערִין, אַ קִינְד וָואס אִיז צֶעקְלַאפְּט הָאט נִישְׁט קַיין קָאפּ.

וֶוען טַאטֶע מַאמֶע בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם קִינְד, הָאט עֶר אַ גֶעזוּנְטֶע קָאפּ, אַ גַאנְצֶע כֵּלִי, יֶעצְט קֶען קוּמֶען דֶער רֶבִּי, מַגִּיד שִׁיעוּר, לֶערֶערִין אוּן מְנַהֶלֶת, אַרַיינְגִיסְן דֶערִין גֶעשְׁמַאקֶע טְרִינְקֶען, אוֹיסְלֶערְנֶען שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ הַאלְטְן אִינֶעם קִינְד.

אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט אַ 'שְׁבְרֵי כֵּלִי', אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע כֵּלִי, רִינְט אַלֶעס אַרוֹיס וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין, דֶער קִינְד טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג: **'אִיךְ קֶען נִישְׁט, אִיךְ בִּין נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ טוּ נִישְׁט'**, אוּן נָאכְדֶעם זוּכְט זִי נֶעבֶּעךְ אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, זִי טְרַאכְט: **'אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ עֶפֶּעס נָאךְ אַ קְנֶעפְּל וֶועט נָאךְ אֵיינֶער שְׁמֵייכְלֶען צוּ מִיר', 'אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְצִיעֶן מַיין קְלֵייד הֶעכֶער, וֶועט נָאךְ אֵיינֶער גֶעבְּן אַ קוּק אוֹיף מִיר', אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ אָנְטוּן מֶער טֵייט, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ אָנְטוּן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע קָאלִיר, וֶועט דָאס מַאכְן אַז אִיךְ זָאל זַיין עֶפֶּעס וֶוערְד'.**

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזוּק שִׁיעוּר, מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876